# נפתלי שפיגעל



## איש צר ואויב המן הרשע הזה

## אט דער נפתלי שפיגעל
## איז לעצטע וואך מיטוואך ביינאכט (פ' וירא)
## ארום געפארן אין צבי וועכטער'ס מיניוואן
## פלעיט # TOP-1000
## און מהאט איהם געפאקט ברעכן 2 צורת הפתחים

עס איז נאך נישט געהערט געווארן אין די גאנצע וועלט, אזא מין פינסטערע חוצפה און אן אנטיסעמיטישע אקציע, פון צורייסן עירובין, חוץ פון די קאטוילשע אנטיסעמיטן, אדער פון די אמאליגע משכילים ימ"ש, וואס פלעגן אזוינס צו טוען אין דער אלטער היים, וואס צוליב די דאזיגע רשעים זענען אויפגעהאלטן געווארן די הקמה פון צורת הפתח'ן אין אידישע שטעט, וואו צב"ש אין סיגעט (וויא ס'האט פארציילט כ"ק מרן מסאטמאר שליט"א), אדער אין שטאט שימלוי אא"וו, וואס ערשט נאך צענדליגע יאהרן שתדלנות איז געלונגען אויפצושטעלן אן עירוב, צוליב די דאזיגע אנטיסעמיטישע אקציעס.

לא די וואס בעוה"ר, קומען זיך א פאר יחידים, פון איין משפחה גאר, צוזאמען מיט די הילף פון א פאר מלמדים וואס לערנען מיט זייערע תלמידים א פאר שורות גמרא א וואך, און פראבירן ארויפצוצוואונגען זייער דעת אויפן גאנצן ציבור, קעגען דעם דעת תורה פון אונזערע חשוב'סטע מורי הוראה'ס אין שטאט, וואס דאס פארזיך אליין איז אן אומדערהערטע חוצפה, טוט נאך די דאזיגע משפחה גוטהייסן עמלקי'שע גוואלדטאטן אקציעס, וואס אונזערע עלטערן אין אייראפא האבן געהאט אויסצושטיין פון זייערע אנטיסעמיטישע שכנים.

וועהר צוואונגט זיי דען בכלל צו טראגן? ווער האלט זיי דען אהן פון "נישט טראגען"? אדרבה, נאר אין א מקום וואו עס דא אן עירוב קען מען מחמיר זיין נישט צו טראגן. און פונקט וויא מיר שרייען נישט אויף זיי "חילול שבת דאורייתא" בשעת זיי גייען אין מקוה שבת אינדערפרי, נישט פאלגענדיג זייער אייגענעם זיידן ז"ל פסק הלכה אז דאס איז רעכט חילול שבת, אזוי אויך זאלן זיי נישט פארדייען אונזער קאפ מיט זייער זיידן'ס אנדערע פסקים.

(פארזעצונג אין זייט 2)

(פארזעצונג פון די ערשטע זייט)

מיט וואס פאר א רעכט האבן זיך געגומען, די דאזיגע אויבענדערמאנטע משפחה, דעם מאפיאנערישן געזעץ אין זייערע הענט, צו גיין במחתרת, באישון לילה, צוברעכן צורת הפתחים, וואס זענען תורה'דיג-הלכה'דיג איינערקענט און אויטאריזירט ביי רוב חשוב'ע מורי הוראה'ס וואס פסק'ענען די הארבסטע שאלות אין אונזער חרדישע שכונה? וואו אין שו"ע האבן זיי געטראפן א היתר צו גיין מזיק זיין ממון ישראל פון שווערע טויזנטע דאלערס? אדער צו באגזל'נען גזל-שינה פון הונדערטער שלאפלויזיגע נעכט פון צענדליגער חשוב'ע יונגעלייט וואס זענען זיך מוסר נפש לעמוד על המשמר? חז"ל זאגן "קשים גרים לישראל כספחת", אט דעם באגריף קען מען ליידער אויך זאגן אויף די איבערגעבליבענע אלטע ווערעמיגע ווארצלען פון דעם אמאליגן "טריפה'נע אמעריקאנער אידענטום", וויא עס פלעגן זיך אויף זיי אויסדרוקן די פריערדיגע גדולי הצדיקים זצוק"ל אין אייראפא.

די קינדער פון הרב אי"ה ביק שליט"א האלטן אין איין פראקלעמירן: דער עירוב מוז ארונטער גיין! ער מוז אינטערגעברענגט ווערן! לאמיר זיי זעהן, זאלן קענען ארגאניזירן צווישן די אלע "חתימות פארזאמלונג" זייערע, א קול קורא מיט אפילו נאר 3 חתימות (פון בעלי הוראה, אויסער זייער משפחה), אז מען מעג גיין רייסן דעם עירוב... פארוואס האבן זיי דאס נישט געקענט פועל'ן ביי זייערע חותמים אויף דעם ארויסגעקוועטשטן "גילוי דעת", צוזאמען געפלאכטן פון שעטנז און כלאים, מזרחי-דאקטאר-ראבינערס, מלמדים ומנהלים, בנין וחתנין (בעניני "הוראה" פארשטייט זיך), נישט מער וויא אויף עפים אזא מן פארווע'נעם איידעלעם לשון של בקשה "לכל הסרים למשמעתינו שלא לטלטל"? וויא קרום קענען די בני המשפחה הידועה זיין צו פארשטיין דערפון, אז פאר די אלע וואס זענען נישט סרים למשמעתם פון די אויבנדערמאנטע שעטנז'דיגע חותמים, נאר למשמעתם פון די חשוב'סטע "בעלי הוראה" המשמשים בקהילות הקודש פון אונזער שטאט, איז גאר א "מצוה" צו פליקן זייער עירוב.

אמת, אז במשך הדורות איז שטענדיג געווען חילוקי דיעות, ספעציעל ווען דער עירוב איז געווען געבויט אויף פארשידענע קולות (טאקע ווייל די קאטוילישע אנטיסעמיטן ימ"ש האבן נישט צוגעלאזט בויען געהעריגע צורת הפתח'ן, אזוי וויא אין קראקא למשל). דאן זענען אויך געווען "מעכבים" וויא ס'איז דערמאנט אין די תשובות ספרים. אבער אזא מן סארט עזות פון גיין משחית זיין צורת הפתחים וואס זענען געמאכט געווארן ע"פ הוראה און אונטער א השגחה, אזוינס איז נאך קיינמאל נישט דערהערט געווארן בדברי ימי ישראל.

עס איז א חובת השעה אז דער גאנצער חרדישער ציבור, אויך די וואס זענען אויף זיך מחמיר נישט צו טראגן אין א כשר'ן עירוב, זאלן ארויסשרייען און אויסשפייען אונזערע אייגענע כוליגאנישע אנטיסעמיטן, תלמידי בלעם הרשע, וואס האבן זיך אריינגעגלידערט אין אונזער מחנה, פארשטעלנדיג זיך מיט אונזערן חסידישן טראגע, מ'זאל מיט זיי מקיים זיין דעם "הבדלו מתוך העדה הרעה הזאת". און חלילה אויב זיי וועלן נאך איינמאהל ממשיך במעשיהם הרעים, וועט ליגן אויף אונז א פליכט "לעשות בהם משפט כתוב", פונקט וויא מ'באהאנדעלט אנדערע פארברעכערס וואס זענען מזיק ומיצר לישראל.

וזאת למודעי, אז כל זמן די רבנים פון די דאזיגע משפחה וועלן נישט קאנטראלירן זייערן ברנ"ש פון טשעפן דעם עירוב, אדער לפחות ארויסקומען מיט אן אפענעם גילוי דעת, קלאר צומאכן דעם ציבור אז זיי טרייסלען זיך אפ פון זיינע אלע אנטיסעמיטישע אקטן, רייסן, אדער שעלטן, אזוי לאנג וועלן די ראשי המשפחה אויך פאראנטווארטליך זיין.